ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער
„פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג
אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

www.yiddish.forward.com/vayter  זעקסטער יאָרגאַנג ✦ תשע״ב – 2011 ✦ נומער 9(53)

# רעגענסבורג ווי דער צענטער פֿון אָפּאַטאָשו־פֿאָרשונג

גענאַדי עסטרײַך (ניו־יאָרק)

די טעג לייען איך אַ סך פֿאַרשיידענע זאַכן, געשריבן פֿון יוסף אָפּאַטאָשו (1886–1954) און וועגן אים. און איך בין גאָר ניט דער איינציקער מענטש, וואָס טראַכט איצט וועגן אָפּאַטאָשו. די סיבה איז זייער אַ פּשוטע: סוף אַפּריל וועט אין משך פֿון דרײַ טעג דורכגעפֿירט ווערן אַ קאָנפֿערענץ, געווידמעט דעם לעבן און שאַפֿן פֿון אָט דעם, בשעתו, ברייט באַקאַנטן ייִדישן שרײַבער. איך נוץ דאָס וואָרט „בשעתו“, ווײַל לעצטנס – אַ שטייגער, אין דעם איצטיקן יאָרהונדערט – איז וועגן אים זייער ווייניק אָנגעשריבן געוואָרן אויף ענגליש, כאָטש גלײַכצײַטיק זײַנען אַרויס זײַנע ביכער אויף רוסיש (אין 2011 – „אין פּוילישע וועלדער“) און דײַטש (אין 2008 – „איין טאָג אין רעגענסבורג“).

אַזאַ מזל האָט שוין געהאַט אָפּאַטאָשו – צו וווינען אין אַמעריקע, אָבער זײַן מער באַוווּסט און באַקומען מער כּבֿוד ערגעץ־ווו. ס׳איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די פֿאַרלעגער, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן זײַנע ייִדישע ביכער: ס׳רובֿ פֿון זיי טראָגן אויף זיך די נעמען פֿון שטעט אין פּוילן, ראַטן־פֿאַרבאַנד און אַרגענטינע. מיט די איבערזעצונגען איז אויך אַזוי: דער ענגלישער נוסח פֿון זײַן קרוינווערק, „אין פּוילישע וועלדער“ (1921), איז אַרויס אין יאָר 1938, דאָס הייסט, אין צען־פֿופֿצן יאָר אַרום נאָך דעם ווי דער ראָמאַן איז שוין געווען צוטריטלעך דעם פּוילישן, רוסישן און אוקראַיִנישן לייענער. קיין חידוש ניט, אַז די אָפּאַטאָשו־קאָנפֿערענץ וועט פֿאָרקומען אויך ניט אין אַמעריקע, נאָר דווקא אין דײַטשלאַנד, אין דער בײַערישער שטאָט רעגענסבורג.

צו פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די אָנטיילנעמער פֿון דער קאָנפֿערענץ וועלן פֿאָרן אין יענער שטאָט, ניט ווײַט פֿון מינכן, דאַרף מען אַרײַנקוקן אין דער געשיכטע פֿון דעם ווי אַזוי ס׳איז באַנײַט געוואָרן דער אינטערעס צו אָט דעם וויכטיקן ייִדישן מחבר.

דעם 13טן נאָוועמבער 2008 האָט מען אין רעגענסבורג פּרעזענטירט די ערשטע דײַטשישע איבערזעצונג פֿון אָפּאַטאָשוס בוך „אַ טאָג אין רעגענסבורג“. די געשעענישן אין אָפּאַטאָשוס לענגערער היסטאָרישער דערציילונג קומען פֿאָר אין יאָר 1519. דער שרײַבער האָט געוואָלט איבערגעבן די אַטמאָספֿער און, טיילווײַז, אַפֿילו די שפּראַך פֿון אַשכּנזישן מיטלעלטער. אָנהייב 1930ער יאָרן, ווען דאָס ווערק איז געשאַפֿן געוואָרן, האָט דער סיפּור־המעשׂה וועגן די אַמאָליקע קריסטלעך־ייִדישע באַציִונגען געהאַט אַ מאָדערנעם אָפּקלאַנג, בפֿרט אין דײַטשלאַנד.

די דײַטשישע איבערזעצונג איז געווען אַ בײַ־פּראָדוקט פֿון דעם פּראָיעקט „מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין ליטעראַטור און מאָלערײַ: מאַרק שאַגאַל“, איבער וועלכן מע האָט געאַרבעט אין אינסטיטוט פֿון סלאַוויסטיק בײַם רעגענסבורגער אוניווערסיטעט. בראָש פֿון דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז געשטאַנען דר. סאַבינע קאָלער, אַ קע־

(סוף אויף זײַט 6)



אויף דעם אָרט איז געשטאַנען די אַלטע רעגענסבורגער שיל

„פֿאָרווערטס״־ייִחוס

# דער פֿרייִלעכער יום־טובֿ חנוכּה



פֿאַר די קרובֿ 115 יאָר פֿון איר לעבן, האָט די צײַטונג „פֿאָרווערטס״ פֿאַרעפֿנטלעכט הונדערטער אַרטיקלען, וואָס באַשרײַבן די ייִדישע מינהגים און יום־טובֿים. ייִדישע טראַדיציעס, וועלכע זײַנען אין גאַנצן אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן דורך דעם ערשטן דור ייִדישע סאָציאַליסטן, האָבן ביסלעכווײַז גענר־מען אַלץ מער אינטערעסירן די לייענער און די שרײַבער פֿון „פֿאָרווערטס״. הגם צווישן די עלטערע „פֿאָרווערטס״־זשורנאַליסטן זײַנען געווען אויך מילי־טאַנטיש־געשטימטע אַטעיִסטן, האָט דער רעדאַקטאָר, אַב. קאַהאַן, דורכ־געפֿירט די פּאָליטיק פֿון טאָלעראַנץ צו פֿרומע ייִדן.

מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פֿון צוויי אַרטיקלען וועגן חנוכּה: פֿון מאַקס גאָרדאָן, געדרוקט דעם 22סטן יאַנואַר 1935, און פֿון לייבל באָטוויניק, געדרוקט דעם 4טן דעצעמבער 1937.

## מאַקס גאָרדאָן

דער ווינטער איז הײַיאָר אויסגעפֿאַלן אין דײַטשלאַנד אַ גאַנץ מילדער. אַזוי איז עס, לכל־הפּחות, געווען ביז אָנהייב יאַנואַר. ווי ווײַטער וועט זײַן, ווייסט איין גאָט, דער „אַרישער״ אָדער ניט־„אַרישער״. טאָמער דער ווינטער וואָלט געווען אַ קאַלטער, וואָלטן זיכער אין דעם געווען שולדיק די ייִדן. אויב די נאַציס טענהען, אַז „די ייִדן זײַנען אונדזער אומגליק״, טאָ קען דאָך אַן אומגליקלעכער ווינטער שטאַמען אויך פֿון די ייִדן.

אַמאָל פֿלעגן די ייִדן פֿון בערלין האַלטן פֿון ניטל און קויפֿן ניטל־ביימער. איצט האָבן זיי אויפֿגעהערט דאָס צו טאָן. ניטל האָט אויפֿגעהערט צו זײַן אַ יום־טובֿ בײַ ייִדן. די פֿאַרקויפֿער פֿון ניטל־ביימער האָבן זיך הײַיאָר גע־קלאָגט, אַז זיי האָבן פֿאַרלוירן אַ סך געלט. די ייִדן פֿלעגן אַמאָל זײַן גוטע קונים אויף דער סחורה. אָבער ניט מער.

און דײַטשישע ייִדן האָבן פּלוצלינג אַנטדעקט, אַז זיי האָבן אַן אייגענעם יום־טובֿ, וואָס הייסט חנוכּה. מ׳איז געווען פֿול מיט אַנטדעקונגס־פֿרייד. דאָס האָט מען געזען אויף די שטראַלנדיקע פּנימער פֿון טאַטע־מאַמעס, וועלכע האָבן זיך אַוועקגעזעצט שפּילן מיטן יונגוואַרג אין דריידלעך, באַוווּנדערנדיק די העברעיִשע אותיות, וועמענס באַטײַט איז געווען פֿאַר זיי נאָך ניט אין גאַנצן קלאָר, כאָטש אַ סך ייִדיש־דײַטשישע צײַטונגען האָבן עס פֿאַרטײַטשט. מע איז געלאָפֿן אין די שילן אַרײַן צו הערן די יום־טובֿדיקע דרשות און מיט־זינגען „מעוז צור״, אויף וויפֿל מע קען מיטהאַלטן, ווײַל מע איז געהרגעט אויף דער עבֿרי.

אויסער דעם, האָבן זיך די דײַטשי־שע ייִדן געכאַפּט, אַז ס׳איז פֿאַראַן „עונג שבת״. דאָס זאָל אויך געהערן צו ייִדישקייט. אין דער ציוניסטישער צײַטונג „יודישע רונדשאַו״ דרוקט מען יעדע וואָך אַ באַזונדערע קאָלומנע, ווו עס ווערט דערקלערט ווי און מיט וואָס מע פֿאַרברענגט אַ שבתדיקן טאָג. אמת, די גאַנצע וואָך ציט זיך אַוועק אַזוי גרוי, אַז עס ליגט ניט אין קאָפּ זיך צו פֿרייען מיט שבת.

אין דער היים ווילן בערלינער ייִדן שאַפֿן, אין די אייגענע פֿיר ווענט, אַן אינערלעכע היימישקייט, וואָס זאָל געבן כּוחות זיך דורכצוהאַלטן אויף ווײַטער. דאָס פֿאַמיליע־געפֿיל, וואָס איז געווען אָפּגעשוואַכט בײַ דײַטשישע ייִדן, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט, האָט זיך ווידער פֿאַרשטאַרקט. דאָס וואָרט „משפּחה״ האָט אינעם מויל פֿון בערלינער ייִדן פֿאַרלוירן דעם איראָנישן בײַ־געשמאַק פֿון ביז איצטער, ווען עס פֿלעגט אַרויסרופֿן אַ מין חוזק. איצט איז עס געוואָרן אַ צו ערנסטער ענין, וואָס פֿאַרדינט די גרעסטע אויפֿ־מערקזאַמקייט: מע מוז, הייסט עס, זיך האַלטן צוזאַמען. דערפֿאַר איז ניט קיין ווונדער, וואָס הײַנטיקן ווינטער זײַנען אין בערלין געשפּילט געוואָרן הונדערטער ייִדישע חתונות. מענטשן זײַנען באַהערשט געוואָרן פֿונעם ווילן צו בילדן אַ משפּחה־לעבן.

— — — — — — — —

## לייבל באָטוויניק

תּחילת, איז אין אַמעריקע געווען ווי אין דער אַלטער היים, דהײַנו: בלויז די עכט־פֿרומע ייִדן פֿלעגן בענטשן חנוכּה־ליכט שטיל און וואָכעדיק. און דאָ און דאָרט האָט אַ חזן אין אַ שיל געדאַוונט אַ דאַווענען לכּבֿוד חנוכּה פֿאַר אַ קליינעם עולם פֿון רעליגיעזע מענטשן. אָבער דערנאָך איז פֿאָרגעקומען אַזאַ זאַך: די ראַדיקאַלן האָבן אויפֿגעלעבט דעם חנוכּה יום־טובֿ אין אַמעריקע.

ווען מען זאָל קומען דערציילן, ווי אַזוי עס איז דערצו געקומען, מוז מען

(סוף אויף זײַט 3)



Forward Association

לייבל באָטוויניק

(סוף פֿון זײַט 2)

זאָגן, אַז די פּיאָנערן דערצו זײַנען געווען די ציוניסטן, די „אַרבעטער־רינג"־מיטגלידער – זיי האָבן עס צעשפּילט אויף אַ גרויסן מאָדערנעם אופֿן. און דאָ און דאָרט האָבן קאָמוניסטן אויך געמוזט אונטעריום־טובֿען לכּבֿוד מתּתיהו כּהן־גדול מיט זײַנע חשמונאָים. אָנגעהויבן האָט עס זיך אַרום יאָר 1900.

דעמאָלט האָבן די ציוניסטן דעם חנוכּה דערקלערט ווי דעם גרעסטן ייִדישן יום־טובֿ, ווײַל דאָס איז געווען דער ציוניזם פֿון פֿאַר־צוויי־טויזנט יאָר. שפּעטער, ווען די ייִדישיסטישע שלום־עליכם־באַוועגונג און דער „אַרבעטער־רינג" האָבן געגרינדעט ייִדישע שולן – ווײַל די ברייטע ראַדיקאַלע ייִדישע מאַסן האָבן געוואָלט צובינדן זייערע קינדער צו זיך, צו זייער ייִדישער שפּראַך, צו דער ייִדישער קולטור און צו דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג – האָבן דאָך די לערער געדאַרפֿט האָבן עפּעס מיט וואָס צוצוציִען די קינדערלעך צו דער ראַדיקאַלער שול.

קינדער דאַרפֿן דאָך האָבן יום־טובֿים, געזאַנגען, שפּילערײַען מיט אַן אינהאַלט, וואָס זאָלן זיך קלעפּן צו די פּראָגראַמען פֿון די לימודים. האָט מען זיך צוגעכאַפּט צו חנוכּה. חנוכּה איז אַ יום־טובֿ אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס, אַ חוץ די ליכטלעך, וואָס זײַנען אַן און פֿאַר זיך שיין. און חנוכּה איז אַ יום־טובֿ פֿון קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און זעלבּשטענדיקייט. און דערצו איז חנוכּה ניט קיין אויסגעטראַכטער יום־טובֿ, נאָר אַ פֿײַערונג צום אָנדענק פֿון אַן אמתּער, אַ ריכטיקער פּאַסירונג פֿון אַ ייִדישער רעוואָלוציע קעגן דעם אימפּעריאַליסט אַנטיוכוס, דעם מלך פֿון יוון. און דערצו איז עס אַן עכט־ייִדישער יום־טובֿ, אַ פֿאַרבנרײַכע דערמאָנונג פֿון אונדזער אייגענער קינדהייט.

און עס זײַנען אויך צוגעקומען די פּאָגראָמען פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די פּוילישע אַנטיסעמיטן, היטלער אין דײַטשלאַנד – זײַנען די ראַדיקאַלע ייִדן געוואָרן אַלץ ייִדישער און זייערע ראַדיקאַלע קינדער־שולן האָבן שוין אָן שעמערײַ זיך גענומען צום חנוכּה יום־טובֿ – דעם אָנדענק פֿון ייִדישן נצחון קעגן אונדזערע שונאים.

און אַז די „אַרבעטער־רינג"־שולן, און „שלום־עליכם"־שולן, און פּועלי־ציון־שולן האָבן אַזוי פּאָפּולער געמאַכט די חנוכּה־פֿײַערונגען, האָבן די תּלמוד־תּורות זיך ערשט אַ נעם געטאָן צו דעם דאָזיקן יום־טובֿ. די רעליגיעזע שולן באַנוגענען זיך שוין ניט מיט בלויז צינדן די אַכט ליכטלעך, נאָר זיי שטאַטן שוין אויך אויס חנוכּה־פֿײַערונגען אין אַ מאָדערנעם נאַציאָנאַל־ייִדישן גײַסט.

אַזוי אַרום, האָט דער באמת אײַנהאַלטסרײַכער יום־טובֿ חנוכּה געקראָגן זײַן אויפֿלעבונג אין אַמעריקע דורך די ראַדיקאַלן און דורך דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

## ווערטער



### פֿאַרשפּילן

בדרך־כּלל, נוצט מען דאָס וואָרט צו באַשרײַבן דעם מצבֿ, ווען עס איז ניט געלונגען צו געווינען עפּעס:

„דער שאַכשפּילער האָט געהאַט אַ שווער יאָר – ער האָט פֿאַרשפּילט אין כּמעט יעדן טורניר."

„דוד איז אַן אַזאַרטשפּילער, ער קען זיך ניט אָפּשטעלן, כאָטש ער פֿאַרשפּילט זייער אַ סך געלט."

„די אַרבעטער האָבן זיך לאַנג געהאַלטן, אָבער סוף־כּל־סוף האָבן זיי פֿאַרשפּילט דעם שטרײַק."

„פֿאַרשפּילן" האָט נאָך איין באַטײַט, דהײַנו: אָפּווענדן עמעצנס אויפֿמערק, מע זאָל פֿאַרגעסן וועגן אַנדערע ענינים. למשל:



„דאָס קינד האָט לאַנג געוויינט, אָבער דערנאָך האָט מען איִם, אַ פּנים, פֿאַרשפּילט און ס'איז געוואָרן שטיל."

## יובילײ


Courtesy the Beck Archives of Rocky Mountain Jewish History, Special Collections, Penrose Library and Center for Judaic Studies, University of Denver

חיים ספּיוואַק

מיט 150 יאָר צוריק, דעם 25סטן דעצעמבער 1861, איז אין קרעמענטשוג, אוקראַיִנע, געבוירן געוואָרן דער דאָקטער און ייִדישער טוער חיים ספּיוואַק. אמת, ספּיוואַק, דערצו ניט חיים נאָר טשאַרלז, איז ער געוואָרן שוין אין אַמעריקע. אין רוסלאַנד איז זײַן משפּחה־נאָמען געווען ספּיוואַקאָפּסקי.

ווי דער לעגענדאַרער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס“ אַב. קאַהאַן, האָט ספּיוואַק געהערט צו דער באַוועגונג „עם־עולם“, וואָס האָט פֿאַר זיך געשטעלט דעם ציל צו בויען לאַנדווירטשאַפֿטלעכע קאָמונעס אין אַמעריקע. ספּיוואַק און קאַהאַן האָבן זיך באַקענט אין יאָר 1882, אויפֿן וועג קיין אַמעריקע, און זײַנען פֿאַרבליבן נאָענטע פֿרײַנד ביזן סוף פֿון ספּיוואַקס לעבן אין 1927. אינטערעסאַנט, אַז אין משך פֿון די ערשטע דרײַ יאָר פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט האָט ספּיוואַק אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז קאַהאַן האָט געקענט ייִדיש. זיי האָבן דאָך גערעדט צווישן זיך אויף רוסיש.

אין אַמעריקע האָט ספּיוואַק געאַרבעט און געלערנט ענגליש. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט אויף אַ דאָקטער – פֿאַרענדיקט דעם דזשעפֿערסאָן מעדיקאַל קאָלעדזש אין פֿילאַדעלפֿיע. ער האָט באַגעגנט אַ פֿרוי וואָס איז געווען מיט עלף יאָר ייִנגער פֿון אים, און זיי האָבן חתונה געהאַט. די פֿרוי, דזשעני טשאַרסקי, וואָס האָט אַן אייגן אָרט אין דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמישער און קולטור־געשיכטע, האָט געהאַט קראַנקע לונגען. האָט ספּיוואַק באַשלאָסן, אַז פֿאַר איר וועט זײַן בעסער צו וווינען אין דענווער, מיט זײַן טרוקענעם קלימאַט. דאָס האָט אויך באַשטימט זײַן אייגענעם וועג אין לעבן. מיט ספּיוואַקס נאָמען איז פֿאַרבונדן געוואָרן די געשיכטע פֿון אויפֿבויען אין דענווער אַ צענטער, ווו מע האָט געהיילט טויזנטער ייִדישע טובערקולאָז־קראַנקע.

גלײַכצײַטיק איז ספּיוואַק געווען אַן ענטוזיאַסט פֿון ייִדיש. אין דער צײַטונג „פֿאָרווערטס“ פֿלעגט ער רעגולער דרוקן אַרטיקלען וועגן מעדיצין און היגיענע, ווי אויך וועגן געשיכטע פֿון מעדיצין דורך דער פּריזמע פֿון תּנ״ך און תּלמוד. מיט 100 יאָר צוריק, אין 1911, האָט ער, צוזאַמען מיטן ייִדישן דיכטער יהואש, אַרויסגעגעבן זייער בשותּפֿותדיקע לעקסיקאָגראַפֿישע אַרבעט – דאָס „ייִדיש־ווערטערבוך“, וואָס האָט אין זיך אַרײַנגענומען „העברעיִשע און כאַלדעיִשע ווערטער, אויסדרוקן און אייגננעמען“. די צווייטע אויפֿלאַגע פֿונעם ווערטערבוך איז אַרויס אין 1926.

## וויצן

אין כעלם איז אויסגעפֿאַלן דער ערשטער שניי. די כעלמער האָבן דערפֿון זייער הנאה געהאַט. עס זעט אויס אַזוי שיין. איבערנאַכט ווערט די ערד באַדעקט מיט אַ ווײַסן לײַלעך, קלאָר ווי זילבער, עס איז ממש אַ מחיה־נפֿשות צו קוקן. איין זאַך איז זיי שלעכט געווען: דער שמשׂ וועט גיין פֿאַרטאָג רופֿן אין שיל אַרײַן, וועט ער דעם שניי צעטרעטן. וואָס טוט מען דערצו? נאָך לאַנג טראַכטן האָט מען אויסגעטראַכט: געדונגען אַ פּאָר געזונטע טרעגער, זיי זאָלן דעם שמשׂ אויף די הענט טראָגן.





* * *

אין זײַן ראָמאַן **For Whom the Bell Tolls** האָט ערנסט העמינגוויי באַשריבן צוויי מינים נאַראָנים: אַ ווינטערדיקן און אַ זומערדיקן. אַ ווינטערדיקער קלאַפּט אָן אין דער טיר און ווען מע עפֿנט די טיר, זעט מען אַ וואַרעם אָנגעטאָנענעם, פֿאַרשנייטן מענטשן. נאָר ווען דער דאָזיקער מענטש טוט זיך אויס, זעט מען, אַז ער איז אַ נאַר. מיט אַ זומערדיקן נאַר איז גרינגער, ווײַל מע זעט אים פֿון דער ווײַטנס.

# פֿאַר קליין און גרויס



## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# די קלוגע טאָכטער

אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ פּריץ, האָט ער געהאַט אויף זײַן נחלה דרײַ ייִדן רענדאַרן: איינער האָט געהאַלטן דעם וואַלד, דער צווייטער – די מיל און דער דריטער – די קרעטשמע.

דער פּריץ, דאַרף מען זאָגן, ווי אַ סך פּריצים, האָט ליב געהאַט שפּילן אין קאָרטן. קאָרטן איז אָבער אַזאַ זאַך, אַז אָדער מע געווינט, אָדער מע פֿאַרשפּילט. איין מאָל איז דער פּריץ אַזוי פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער שפּיל, אַז דער סוף איז געווען – ער האָט געשטעלט אויפֿן קאָן זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. וואָס טוט ער? ער רופֿט צו זיך אין פּאַלאַץ אַלע דרײַ רענדאַרן און זאָגט זיי:

– איך וועל אײַך שטעלן דרײַ פֿראַגעס. ווער ס'וועט מיר ענטפֿערן אויף זיי ריכטיק, דער וועט קריגן די אַרענדע ווײַטער; און ווער ס'וועט ניט ענטפֿערן, מוז אויסצאָלן פֿאַר זײַן אַרענדע אַ טאָפּלטע סומע געלט. אַניט טרײַב איך אים אין גאַנצן אַרויס פֿון דער נחלה.

אַן אַנדער ברירה האָבן די דרײַ ייִדן געהאַט? האָט דער פּריץ זיי געפֿרעגט זײַנע פֿראַגעס:

„וואָס איז דאָס געשווינדסטע אויף דער וועלט?

„וואָס איז דאָס פֿעטסטע אויף דער וועלט?

„וואָס איז דאָס ליבסטע אויף דער וועלט?"

די ערשטע צוויי רענדאַרן – דער וואַלד־רענדאַר און דער מיל־רענדאַר האָבן ניט לאַנג געטראַכט און געענטפֿערט אַזוי:

„דאָס געשווינדסטע אויף דער וועלט איז דעם פּריצס פֿערד!"

„דאָס פֿעטסטע אויף דער וועלט איז דעם פּריצס חזיר!"

„דאָס ליבסטע אויף דער וועלט איז דעם פּריצס הונט!"

אויסגעהערט זייערע ענטפֿערס, האָט ער זיי געהייסן אים באַצאָלן אַ טאָפּלטן אָפּצאָל פֿאַר דער אַרענדע.

דער דריטער רענדאַר, דער קרעטשמער, האָט אָבער געבעטן דעם פּריץ געבן אים דרײַ טעג צו טראַכטן. ווי אַ קרעטשמער, האָט ער געוווּסט, אַז צו האָבן אַ גוט ביסל ווײַן דאַרף מען עס אַ שטיקל צײַט אויסהאַלטן. געקומען אַהיים, גייט אים די טאָכטער אַנטקעגן: אַ שיינע, אַ געראָטענע. פֿרעגט זי דעם טאַטן:

– טאַטע, וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרזאָרגט?

דערציילט איר דער קרעטשמער וואָס דער פּריץ האָט צוגעטראַכט, כּדי אַרויסצובאַקומען פֿון זײַנע רענדאַרן נאָך מער געלט. די ערשטע צוויי רענדאַרן האָבן אים ניט ריכטיק געענטפֿערט, אָבער ער האָט בײַ אים אויסגעבעטן דרײַ טעג צו טראַכטן.

זאָגט אים די טאָכטער, ער זאָל ניט זאָרגן און זיך לייגן שלאָפֿן. אין דרײַ טעג אַרום וועט זי אים געבן דרײַ ענטפֿערס אויף דעם פּריצס פֿראַגעס. און אַזוי איז טאַקע געווען: אויפֿן דריטן טאָג, גאַנץ פֿרי, דער קרעטשמער האָט נאָך אָפּגעזאָגט „מודה־אני", גייט צו אים צו די טאָכטער און זאָגט:

„דאָס געשווינדסטע אויף דער וועלט איז דער געדאַנק;"

„דאָס פֿעטסטע אויף דער וועלט איז די ערד;"

„דאָס ליבסטע אויף דער וועלט איז דער שלאָף;"

איצט זעט איר שוין, אַז זי איז געווען ניט בלויז שיין און געראָטן, נאָר אויך אַ קלוגע. ניט אומזיסט זאָגט מען: „אַ קרעטשמער האָט ליב דעם שיכּור, אָבער די טאָכטער וועט ער אים ניט געבן".

דער פּריץ האָט אויסגעהערט די ענטפֿערס און רופֿט זיך אָן צום קרעטשמער:

– דײַנע ענטפֿערס זײַנען מיר זייער געפֿעלן, אָבער איך ווייס, אַז ס'איז ניט דײַן קאָפּ דערבײַ. זאָג מיר דעם אמת, ווער ס'האָט זיי דיר געזאָגט?

האָט דער קרעטשמער זיך געמוזט מודה זײַן, אַז אַזוי האָט אים געהייסן ענטפֿערן זײַן טאָכטער. זאָגט אים דער פּריץ:

– אויב דו האָסט אַזאַ קלוגע טאָכטער, וויל איך זי זען. זאָל זי קומען צו מיר אין דרײַ טעג אַרום.

דער קרעטשמער איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר אַרויסצוגיין פֿונעם פּאַלאַץ, האָט אים דער פּריץ נאָכגעשריגן:

– יאָ, זאָג דײַן טאָכטער, זי זאָל קומען ניט גייענדיק און ניט פֿאָרנדיק, ניט אָנגעטאָן און ניט נאַקעט, און זאָל זי מיר ברענגען יאָ אַ מתּנה און ניט אַ מתּנה.

שטעלט דער קרעטשמער זיך אַרײַן אין זײַן שטוב נאָך מער אַ באַזאָרגטער ווי פֿריִער. פֿרעגט אים די טאָכטער:

– טאַטע, וואָס איז שוין ווידער געשען? וואָס ביסטו שוין ווידער פֿאַרזאָרגט?

דערציילט ער, וואָס דער פּריץ פֿאַרלאַנגט פֿון איר. זאָגט אים די טאָכטער:

– נו, וואָס זשע איז דאָ דאָ אַזוי צו זאָרגן? גיי אין מאַרק און קויף מיר אַ נעץ, וואָס מע כאַפּט פֿיש, אַ ציג, אַ טויב און אַ פּאָר פֿונט פֿלייש.

נו, האָט דער טאַטע איר אַלץ אײַנגעקויפֿט. אויפֿן דריטן טאָג האָט זי זיך אויסגעטאָן און זיך אײַנגעוויקלט אין דער נעץ – איז זי געווען ניט אָנגעטאָן און ניט נאַקעט. דערנאָך האָט זי זיך געזעצט רײַטנדיק אויף דער ציג, האָבן זיך איר פֿיס נאָכגעשלעפּט אויף דער

(סוף אויף זײַט 6)

# די קלוגע טאָכטער

(המשך פֿון זײַט 5)

ערד – איז דאָס געווען ניט פֿאַרנדיק און ניט גײַענדיק. דערנאָך האָט זי גענומען אין איין האַנט די טויב, אין דער צווייטער האַנט דאָס פֿלייש און האָט זיך אַזוי אַרײַנגעשלעפּט צום פּריץ גלײַך אין הויף אַרײַן.

דער פּריץ איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער אין זײַן פּאַלאַץ און האָט זי דערזען אַזוי אַרײַנקומען, האָט ער אָנגערייצט אויף איר די הינט. האָט דאָס מיידל אַ וואָרף געטאָן דאָס פֿלייש די הינט און איז אַרײַנגעלאָפֿן אינעם פּאַלאַץ. דערזען דעם פּריץ, האָט זי אים געזאָגט:

– איך האָב דיר געבראַכט יאָ אַ מתּנה און ניט אַ מתּנה, – און האָט אָפּגעלאָזט די טויב. דאָס פֿענצטער איז געשטאַנען אָפֿן, איז די טויב אַרויסגעפֿלויגן.

האָט איר דער פּריץ געזאָגט:

– אויב דו ביסט יאָ אַזאַ קלוגע, וויל איך מיט דיר חתונה האָבן, אָבער מיט איין תּנאַי, אַז ווען עמעצער וועט קומען זיך לאָדן פֿאַר מיר, זאָלסטו זיך ניט מישן.



האָט זי אים צוגעזאָגט און זיי האָבן חתונה געהאַט. אין אַ צײַט אַרום שטייט זי אַזוי בײַם פֿענצטער און זעט ווי עס גייט פֿאַרבײַ אַ פּויער און וויינט. פֿרעגט זי אים:

– וואָס וויינסטו?

דערציילט איר דער פּויער, אַז ער מיט זײַן שכן האָבן אַ בשותּפֿותדיקן שטאַל. ער האָט אַ שקאַפּע און דער שכן האָט אַ וואָגן. האָט די שקאַפּע געהאַט אַ לאַשיקל, דאָס הייסט, אַ קליין פֿערדעלע, אַקוראַט אונטערן שכנס וואָגן. האָט דער שכן געזאָגט, אַז דאָס לאַשיקל געהערט צו אים.

זײַנען זיי געגאַנגען צום פּריץ זיך לאָדן, האָט דער פּריץ געפּסקנט, אַז דאָס לאַשיקל געהערט צום שכן. פֿאַרדריסט אים, גייט ער און וויינט. זאָגט אים דעם קרעטשמערס טאָכטער:

– איך וועל דיר געבן אַן עצה: נעם אַ ווענטקע, וואָס מע כאַפּט פֿיש, און שטעל זיך אַוועק פֿאַרן פּריצס פֿענצטער. דאָרט איז אויסגעשאָטן זאַמד, וועסטו זיך מאַכן, אַז דו כאַפּסט פֿיש אין זאַמד. וועט דיך דער פּריץ פֿרעגן: „קען מען דען אין זאַמד כאַפּן פֿיש?" – זאָלסטו אים ענטפֿערן: „אַז אַ וואָגן קען האָבן אַ לאַשיקל, קען מען אין זאַמד כאַפּן פֿיש".

האָט דער פּויער אַזוי געטאָן, און ווען דער פּריץ האָט דערהערט זײַן ענטפֿער, האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען, וועמענס קאָפּ שטעקט דערבײַ. האָט ער צו איר געזאָגט:

– אַזוי ווי דו האָסט זיך ניט געהאַלטן בײַ אונדזער אָפּמאַך, טאָ נעם זיך דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, וואָס דו געפֿינסט אין מײַן פּאַלאַץ, און גיי זיך צוריק אין דער קרעטשמע צו דײַן טאַטן!

זאָגט דעם קרעטשמערס טאָכטער:

– גוט! נאָר איידער איך גיי אַוועק, וויל איך, אַז מיר זאָלן נאָך איין אָנבײַסן עסן צוזאַמען.

האָט דער פּריץ מסכּים געווען. וואָס טוט אַ קרעטשמערס אַ טאָכטער? בײַם עסן האָט זי געזען, אַז ער זאָל וואָס מערער טרינקען ווײַן. און ווען ער איז שוין שטאַרק שיכּור געוואָרן, איז ער אײַנגעשלאָפֿן. האָט זי געהייסן די באַדינער אײַנשפּאַנען פֿערד אין וואָגן און אים אַרויפֿגעלייגט און אַוועקגעפֿירט צו איר טאַטן.

ווען דער פּריץ האָט זיך אויסגעניכטערט און זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך דערזען בײַם קרעטשמער אין שטוב. פֿרעגט ער:

– ווי קום איך אַהער?

זאָגט אים דעם קרעטשמערס טאָכטער:

– האָסט מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען פֿון דײַן פּאַלאַץ דאָס שענסטע און דאָס ליבסטע, און גיין צו מײַן טאַטן. האָב איך קיין שענערס און קיין ליבערס פֿון דיר ניט געפֿונען.

– אויב יאָ אַזוי, – האָט ער איר געענטפֿערט, – טאָ לאָמיר זיך צוריק איבערבעטן און פֿאָרן אַהיים.

און אַזוי האָבן זיי זיך שוין געעלטערט אין עושר און כּבֿוד... יאָ, מער האָט דער פּריץ צום קאָרטן־טישל זיך קיין מאָל ניט געזעצט.

# רעגענסבורג ווי דער צענטער פֿון אָפּאַטאָשו־פֿאָרשונג

(סוף פֿון ערשטער זײַט)

נערין פֿון רוסישער (און ניט בלויז רו־סישער) ליטעראַטור און קונסט. די איבערזעצונג פֿון „אַ טאָג אין רעגענס־בורג" האָט זי געמאַכט צוזאַמען מיט עוויטאַ וויצקי, וואָס האָט געלערנט ייִדיש מיט סטודענטן פֿונעם אוניווערסיטעט.

אָפּאַטאָשו און שאַגאַל זײַנען געווען נאָענטע פֿרײַנד. באַזונדערס האָבן זיי זיך געחבֿרט אין די יאָרן 1941–1947, ווען דער קינסטלער האָט געוווינט אין ניו־יאָרק. אָבער דער שרײַבער און דער קינסטלער האָבן געהאַט פֿרײַנדלעכע באַציִונגען אויך פֿריִער. ווי אַ באַווײַז פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט, איז אין 1933 אַרויס די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון „אַ טאָג אין רעגענסבורג". די הילע פֿאַר דער אויסגאַבע האָט געמאַכט שאַגאַל, וואָס איז געווען באַוווּסט ווי אַ מײַסטער פֿון הילעס פֿאַר ייִדישע ביכער און זשור־נאַלן. אויף אָט דער פֿאַרבינדונג צווישן אָפּאַטאָשו און שאַגאַלן האָט זיך אָנגע־שטויסן סאַבינע קאָלער, און אַזוי האָט זיך די גאַנצע מעשׂה פֿאַרדרייט.

און מיט דער פּרעזענטאַציע פֿון דער איבערזעצונג האָט זיך די גאַנצע מעשׂה ניט פֿאַרענדיקט. דעם 15טן פֿעברואַר 2009 האָט זיך אין רעגענסבורג געעפֿנט אַן אויסשטעלונג, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן אי מיט אָפּאַטאָשוס בוך, אי מיט דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע פֿון דער אַלטער דײַטשישער שטאָט בכלל. די אויסשטעלונג האָט באַזוכט דן אָפּאַטאָשו, יוסף אָפּאַטאָשוס אייניקל, וואָס איז גאַנץ אַקטיוו אין ייִדישע קרײַזן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

איך בין שוין איצט זייער צופֿרידן מיט דער קומענדיקער קאָנפֿערענץ. און דערנאָך, האָף איך, וועט אַרויסגיין אַ באַנד, באַזירט אויף די רעפֿעראַטן. איך האָב גרויס הנאה פֿון דעם עצם פּראָצעס פֿון אַרבעטן אויף דער דאָזיקער טעמע, ווײַל „דורך" אָפּאַטאָשו קלאָרן זיך אויס אויך אַנדערע, אַלגעמיינע פֿראַגעס. למשל, איך פּרוּווּ פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אַזאַ מענטש ווי אָפּאַטאָשו, וועלכער האָט קיין מאָל ניט געהערט צו די קאָמוניסטן, איז געוואָרן אַ חסיד פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און איז פֿאַר־בליבן אַזאַ ביז אויגוסט 1939, ווען דער סאָוועטיש־דײַטשישער אָפּמאַך האָט פֿאַר אים, און ניט נאָר פֿאַר אים, גע־מאַכט עס אוממעגלעך. מיר דאַכט זיך אַפֿילו, אַז איך האָב מער אָדער ווייני־קער אָנגעטאַפּט דעם ענטפֿער.

דאָס איז אַלץ גוט. און דאָך איז עס פֿונדעסטוועגן אַ פּאַראַדאָקס, וואָס אָפּאַטאָשו, אין תּוך אַרײַן אַן אַמע־ריקאַנער מחבר, וועט אַנאַליזירט ווערן ניט אין אַן אַמעריקאַנער אוני־ווערסיטעט. צוריק גערעדט, אפֿשר וועט די רעגענסבורגער צונויפֿקומעניש דורכלייגן אַ דרך פֿאַר אַ נײַער מאָדע, לויט וועלכער אַ קאָנפֿערענץ וועגן ה. לייוויקן וועט זיך אַ מאָל צונויפֿקלײַבן אין סיביר (ער האָט דאָך אַ בוך „אויף צאַרישער קאַטאָרגע") און וועגן פּרץ הירשביינען – אין אינדיע (ער האָט אַ בוך „אינדיע").




לעצטנס האָט אין שוועדן דערזען די ליכטיקע שײַן דער קינדער־זשורנאַל „דאָס בלעטעלע". ווער עס וויל גענוי וויסן וועגן דער דאָזיקער אויסגאַבע און די אַרויסגעבער, קאָן וועגן דעם לייענען אין „פֿאָרווערטס", פֿאַר פֿעברואַר 17־23, 2012. דער אַרטיקל הייסט „'דאָס בלעטעלע' פֿאַלט ווײַט פֿון ביימעלע", אָנגעשריבן פֿון שׂרה־רחל שעכטער.

הײַנט לייגן מיר פֿאָר אונדזערע לייענער עטלעכע מוסטערן פֿון דעם חנעוודיקן זשורנאַל.

**קעסטל־רעטעניש**

שרײַבט אַרײַן די קאָרעקטע ווערטער כּדי צו געפֿינען דאָס באַהאַלטענע וואָרט.



1. אַ קליינע קאַץ
2. עפּעס וואָס איז זיס
3. אַ שפּילכל
4. ניט דער אָנהייב
5. אַ בילנדיקע חיה
6. דער וואָס זיצט אין תּפֿיסה
7. דעם טאַטנס ברודער

# די וועווערקע

טעקסט און מוזיק פֿון
אַליס טעגנער (אויף
ייִדיש: לינדאַ גאָרדאָן)

אין שוועדן איז „די וועווערקע" (**Ekorren**) זייער אַ באַקאַנט ליד פֿאַר קינדער. אַ פֿרוי פֿון שוועדן, אַליס טעגנער, האָט עס אָנגעשריבן און עס איז אַרויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1892. שפּעטער האָט מען עס ווידער געדרוקט עטלעכע מאָל און מע האָט עס אָפֿט געזונגען אין די שוועדישע שולן. איך מיין, אַז כּמעט אַלע שוועדן האָבן זיך אויסגעלערנט אָט דאָס ליד אין זייער קינדהייט. איך האָב געפּרוּווט עס איבערזעצן אויף ייִדיש.



די וועווערקע אויפֿן ביימל
וועט שישקעס פֿון יאָדלעס שיילן.

דערהערט זי: אַ ייִנגל, אַ מיידל –
גייט זי אַרויס פֿון כּלים.

אויף דער סאָסנע־צווײַג טוט זי אַ שפּרונג,
און צעמזיקט זיך צו ליב דעם שוווּנג,
אַ פּיסל מיטן פּוכיקן וויידל.